**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דערמאנט ניו יארקער איבער בעפארשטייענדע מינימום געהאלט העכערונג**

***אנגעהויבן פון יאנואר 1, וועט ניו יארק'ס מינימום געהאלט ארויפגיין צו $16 פער שעה אין ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער קאונטי און צו $15 פער שעה אין די רעשט פון די סטעיט***

***טייל פון היסטארישע פלאן אויסגעשפרייט איבער עטליכע יאר צו העכערן ניו יארק'ס מינימום געהאלט ביז 2027 און דערנאך עס מאכן וואקסן צוזאמען מיט אינפלאציע***

***מינימום געהאלט פאר היים קעיר געהילפן וועט אויך ארויפגיין צו $18.55 פער שעה אין ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער קאונטי און צו $17.55 פער שעה אין די רעשט פון די סטעיט***

***מינימום געהאלט ארבייטער וועלכע זעהען נישט די העכערונג אפגעשפיגלט אין זייערע פעיטשעקס קענען ארייננעבן א געהאלט קאמפלעינט צו די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט דערמאנט ניו יארקער אז די סטעיט'ס מינימום געהאלט (וועידזש) וועט ארויפגיין אום יאנואר 1, 2024 אלס טייל פון א היסטארישע פלאן אויסגעשפרייט איבער עטליכע יאר צו העכערן די מינימום געהאלט און עס דאן מאכן וואקסן צוזאמען מיט אינפלאציע. לויט אן אפמאך צווישן גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור, וועט ניו יארק'ס מינימום געהאלט ארויפגיין צו $16 פער שעה אין ניו יארק סיטי, וועסטשעסטער און לאנג איילענד און צו $15 פער שעה פאר די רעשט פון די סטעיט. אין צוגאב וועט די [מינימום געהאלט פאר היים קעיר געהילפן] ארויפגיין צו $18.55 א שעה אין ניו יארק סיטי, וועסטשעסטער און לאנג איילענד און צו $17.55 א שעה אין קאונטיס אין אפסטעיט ניו יארק. דאס העכערן ניו יארק'ס מינימום געהאלט צו נאכיאגן אינפלאציע וועט בענעפיטירן הונדערטע טויזנטע מינימום געהאלט ארבייטער אריבער די סטעיט.

"ניו יארק'ס היסטארישע מינימום געהאלט העכערונג וועט העלפן זיכער מאכן אז ניו יארקער קענען פארזעצן צו נאכיאגן מיט וואקסנדע קאסטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אנגעהויבן פון יאנואר 1, ווערן מינימום געהאלט ארבייטער וועלכע זעהען נישט די העכערונג אפגעשפיגלט אין זייערע פעיטשעקס געמוטיגט צו ארייננעבן א קאמפלעינט צו די לעיבאר דעפּארטמענט צו זיכער מאכן אז זיי באקומען די געהאלטן וואס קומען זיך זיי."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפּארטמענט קאמישאנער, ראבערטאָ רירדאן, האט געזאגט,** "די העכערונג פון די מינימום געהאלט דינט אלס א רעטונג שטריק פאר ניו יארקער וועלכע מוטשענען זיך באצאלן זייערע בילס אזוי ווי קאסטן וואקסן. צוביסליכע סטאבילע ענדערונגען אויסגעשפרייט איבער עטליכע יאר ערלויבט ביזנעסער זיך צו צופאסן בשעת'ן גיבן פאר ארבייטער מיט א נידעריגע געהאלט די מעגליכקייט צו בעסער שטיצן זיך אליין און זייערע פאמיליעס."

אלס טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, האט גאווערנער האקול פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו העכערן ניו יארק'ס מינימום געהאלט ביז 2026 און עס מאכן וואקסן צוזאמען מיט אינפלאציע אנגעהויבן פון 2027. נאך די ערשטיגע העכערונג וועט די מינימום געהאלט ארויפגיין מיט נאך $0.50 אין 2025 און אין 2026. אין 2027 וועט די מינימום געהאלט ארויפגיין יערליך מיט א ראטע באשטימט לויט די 'קאנסומער פרייס אינדעקס' פאר שטאטישע געהאלט פארדינער און אפיס ארבייטער (Consumer Price Index for Urban Wage Earners and Clerical Workers, CPI-W) פאר דעם צפון-מזרח ראיאן — די בעסטע מיטל צו מעסטן ראאנישע אינפלאציע. אן "ארויסגאנג" ווערט ערלויבט אין פאל פון עוויסע עקאנאמישע אדער בודזשעט אומשטענדן.

די מינימום געהאלט העכערונגען פאר די קומענדיגע דריי יאר זענען געוויזן אונטן:

| אין קראפט פון | ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער קאונטי | רעשט פון ניו יארק סטעיט |
|---|---|---|
| יעצטיגע מינימום געהאלט | $15 פער שעה | $14.20 פער שעה |
| יאנואר 1, 2024 | $16 פער שעה | $15 פער שעה |
| יאנואר 1, 2025 | $16.50 פער שעה | $15.50 פער שעה |
| יאנואר 1, 2026 | $17 פער שעה | $16 פער שעה |

באזירן דעם מינימום וועידזש צו די אינפלאציע וועט העלפן צו אנהאלטן דעם כח פון איינקויפן פון די ארבייטער'ס וועידזשעס פון יאר צו יאר. פארגרעסערן די מינימום וועידזש בענעפיטירט אויסטערליש אין אלגעמיין ארבייטער מיט נידעריגע איינקונפט, באזונדערס פרויען און מענטשן פון שוואכערע מינאריטעטן וואס זענען א גרעסערע פראצענט פון מינימום געהאלט ארבייטער פון זייער פראצענט אין די באפעלקערונג.

אכצן אנדערע סטעיטס אדער בינדן זיי היינט זייער מינימום וועידזש צו די אינפלאציע אדער אן אנדער עקאנאמישע פארמאט אדער פלאנען זיי צו טון אזוי, אריינגעמיג דריי סטעיטס וועלכע האבן מינימום וועידזשעס פון אדער איבער $15 אין 2023. עקאנאמישע נאכפארש באווייזט אז דאס הייבן דעם מינימום וועידזש קען ברענגען צו פארמינערן ארעמקייט, פארמינערן סאשעל הילף אויסגאבן, מוטיגן דאס שפענדן, פארבעסערן ארבייטס פראדוקציע, און אנדערע געווינסן.

די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט (New York State Department of Labor, NYSDOL) פירט דורך א פובליק אויפמערקזאמקייט אונטערנעמונג צו דערמאנען ניו יארקער איבער די מינימום געהאלט העכערונג און מוטיגן מינימום געהאלט ארבייטער צו באריכטן געהאלטן וואס פעהלן. די אונטערנעמונג וועט אריינרעכענען דיגיטאלע מעסעדזשעס דורך סאָושעל מידיע, ליפלעטן און אימעילס און דירעקטערהייט צו פארטיילן אינפארמאציע פאמפלעטן מיט שותפות'דיגע ארגאניזאציעס.

מינימום געהאלט פארדינער וועלכע זעהען נישט די העכערונג אפגעשפיגלט אין זייערע פעיטשעקס קענען אריינגעבן א געהאלט קאמפלעינט אויף די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט'ס [וועבזייטל]() אדער דורכן רופן 833-910-4378. פאר מער אינפארמאציע איבער די NYSDOL'ס באמיאונגען צו באקעמפן געהאלט גניבות, באזוכט די דעפארטמענט'ס [היים בלאט.]()

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן